# משה נאַדיר אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּרעסע

## אפרים שעדלעצקי

משה נאַדיר — פּאָרטרעט פון די דרײַסיקער יאָרן



די ייִדישע פּרעסע איז תּמיד געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער ליטעראַטור. ליטעראַרישע שאַפֿונגען זענען געווען אַן אינטעגראַלער טייל פֿון אַלע ייִדישע צײַטונגען, פֿון זינט ס'איז אויפֿגעקומען אַ ייִדישע פּרעסע אין מיזרח־אייראָפּע. אַזוי אויך אין דער פּרעסע פֿון צפֿון־אַמעריקע. כּמעט אַלע ייִדישע שרײַבערס זענען געווען אַנגאַזשירט ווי מיטאַרבעטערס אין טאָגצײַטונגען, דאָרטן געדרוקט זייערע שאַפֿונגען און איינצײַטיק געטאָן רעדאַקציאָנעלע אַרבעט.

אויך משה נאַדיר, דער פּאָעט און סאַטיריקער, דער מײַסטער פֿון ייִדישער שפּראַך, איז אַ גאַנץ לעבן געווען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער פּרעסע, ווו ער האָט געדרוקט טעגלעך, אָדער כּמעט טעגלעך קאָלומנעס נישט בלויז אויף ליטעראַרישע טעמעס, נאָר אויך מעניני־דיומא, רעפּאָרטאַזשן, פֿעליעטאָנען און בילדלעך. אויך אַנדערע שרײַבערס האָבן געאַרבעט אין דער ייִדישער פּרעסע פֿאַר זייער אויסקומעניש, אָבער משה נאַדיר איז געווען אַן אוניקום, אַ זעלטענע געשטאַלט פֿון אַן אַקטיוון צײַטונגסמאַן מיט אַ בײַסיקן סטיל, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגערופֿן חילוקי־דעות און כּמעט אַלעמען פֿאַרכּישופֿט און פֿאַרכאַפּט.

געקומען איז משה נאַדיר צו דער ייִדיש־פּרעסע ווי אַ הומאָריסט און סאַטיריקער, און בײַ דעם איז ער געבליבן ביזן סוף פֿון זײַן קורצן שעפֿערישן לעבן (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 58 יאָר). צײַטונג־אַרבעט איז געווען דער וויכטיקסטער צווײַג פֿון זײַן קאָליריפֿולן ליטעראַרישן שאַפֿן, ווי אַ ליריקער און דערציילער, ווי אַ טעאַטראַל און דראַמאַטורג.

געבוירן איז משה נאַדיר אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע — נאַראַיעוו, וואָס איז אַרײַן אין אונדזער ליטעראַטור און לעבט עד־היום אין די שאַפֿונגען פֿון נאַדירן, כאָטש ס'איז נישט געבליבן דאָרטן נאָכן חורבן קיין זכר פֿון דעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן.

ביז צוועלף יאָר האָט ער געלערנט אין חדר, צו דרײַצן יאָר אַוועק מיט זײַן משפּחה קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געלעבט אין איסט־סײַד מיט טאַטע־מאַמע און נאָך פֿיר קינדער. צו פֿערצן יאָר האָט ער שוין דערפֿילט דעם טעם פֿון אַרבעט אין אַ סוועט־שאַפּ.

צו זיבעצן יאָר האָט ער דעביוטירט אין טעגלעכן העראָלד און איינציַיִטיק אָנגעהויבן דרוקן זײַנע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן אין דער פרײַער אַרבעטער שטימע.

אין זײַן אויטאָביאָגראַפישן "מודה אני", געשריבן אין 1940, זאָגט ער וועגן זיך:

> איך האָב אין מײַן לעבן אויסגעדינט אַלע עבודה־זרהס, ווי מע זאָגט. געוואָרפן זיך פון פאַך צו פאַך, אָבער שטענדיק האָב איך געאַרבעט פאַר ווייניקער ווי איך בין ווערט געווען, זיך באַמיִענדיק צו טאָן מײַן אַרבעט אַזוי גוט און אַזוי געטרײַ, ווי מעגלעך, כּדי דער בעל־הבית זאָל האָבן דרך־ארץ פאַר מיר און ניט איך פאַר אים.

נאַדיר איז שוין פון דער יוגנט אָן געווען אַן אומרויִקער זוכער. אין 1904 לאָזט ער זיך אַוועק קיין אייראָפּע, קומט אָבער באַלד צוריק מיט אַ שטורמישן ברען צו שרײַבן. אין 1910 רעדאַקטירט ער, צוזאַמען מיטן באַקאַנטן הומאָריסט יעקב אַדלער, אַ צוויי־וואָכעדיקן הומאָריסטישן זשורנאַל דער ייִדישער גזלן, פון וועלכן עס זענען אַרויס פיר נומערן.

נאַדיר איז ממשיך זײַן מיטאַרבעט אין קיבּיצער און אַנדערע הומאָריסטישע און סאַטירישע אויסגאַבעס. שפּעטער ווערט ער מיט־אַרבעטער פון גרויסן קונדס, און אין 1915 — ווען עס גייט אַרויס זײַן ערשט בוך אונטערן פּסעוודאָנים "משה נאַדיר" (זײַן אמתער נאָמען איז געווען יצחק רײַז), איז ער שוין אַ באַקאַנטער שרײַבער.

דעצידירנדיק פאַר זײַןשרײַבערישן וועג איז געווען זײַן פרײַנדשאַפט מיט דעם פּאָעט משה־לייב האַלפּערן, זײַן גאַליציאַנער לאַנדסמאַן. אין איינעם מיט אים גיט ער אַרויס דעם זאַמלבוך פון מענטש צו מענטש. שפּעטער האָבן זיי אויך בשותפות געשריבן אַ דראַמע.

אין 1918 איז משה נאַדיר געווען אין משך פון בערך אַכט חדשים מיטאַרבעטער און רעפּאָרטער אין ייִדישע וועלט, וואָס איז אַרויס אין פילאַדעלפיע. אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ער אַ קאָמישן עפּיזאָד פון דער מוראדיקער פלו־עפּידעמיע, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט און גורם געווען אַ סך קרבנות. אַלע רעדאַקציע־מיטגלידער זענען קראַנק געוואָרן און נאַדירן איז אויסגעקומען איינער אַליין אַרויסצוגעבן רעגולער די צײַטונג און שרײַבן אַלע ידיעות:

> אַן עלטערע פרוי קומט אַרײַן צו אונדז אין אָפיס און פרעגט צי זי קאָן זען די רעדאַקציע. אַזוי ווי איך בין אין יענעם טאָג, ווי געזאָגט, געווען די "גאַנצע רעדאַקציע", האָב איך געענטפערט, אַז יאָ, וואָס ווילט איר ליבע פרוי? איך וויל, האָט זי געזאָגט, אַז איר זאָלט מיר געבן עפּעס אַן עצה, ווי צו פאַרהיטן מײַן הויז פון דער פלו, חלילה.. איר מוזט דאָך וויסן, האָט זי געזאָגט, איר זענט דאָך אַ רעדאַקציע
> — —
> כ'האָב אויפגעהויבן אויף איר מײַנע פאַרשלאָפענע אויגן און געענטפערט, ווי פון הינערפלעט: גייט אַהיים ליבע פרוי און ע... (כ'האָב געטראַכט אַ רגע), גיט זיך אַלע דרײַ שעה אויפן זייגער אַ צי בײַם לעפל פון רעכטן אויער... די ייִדענע איז אַוועק און איז צוריקגעקומען ערשט מיט אַ חודש שפּעטער, ווען די פלו־מגפה האָט זיך שוין געהאַט געזעצט. זי האָט געשטראַלט פון פרייד. גאָרניט וויסנדיק ווי מיר אָפּצודאַנקען פאַר מײַן עצה, האָט זי מיר דערציילט, אַז בײַ איר אין שטוב האָבן אַלע געגלייבט אין דער סגולה פון ציִען זיך בײַם רעכטן אויער־לעפל, און... זיי זענען, דאַנקען גאָט, געראַטעוועט געוואָרן.

אָט דער עפּיזאָד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר נאַדירס שפּעטערדיקע פעליעטאָנען, שטייגער־בילדלעך און שמועסן מיט לייענערס, וואָס האָבן אויסגעפולט זײַנע קאָלומנעס אין אַלע תקופות פון זײַן שרײַבן. דאָס ווײַזט אויך, אַז "סדנא דארעא חד הוא" אין דער ייִדישער פרעסע. אַזוי איז געווען אין וואַרשע און אַזוי האָט עס זיך אַריבערגעטראָגן אויפן נײַעם קאָנטינענט: די ייִדישע צײַטונג האָט געדאַרפט געבן אַן עצה זײַנע לייענערס אין אַ נויטפאַל.

## צרות פון דער פרײַהייט

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז משה נאַדיר געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין נאָר וואָס געשאַפענעם טאָג. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן דרוקן זײַנע ליריש־פילאָסאָפישע מיניאַטורן אין דער קאָלומנע "פון מענטש צו מענטש". שוין דעמאָלט צייכנט ער זיך אויס מיט זײַן שפּראַך־באַנײַונג און וואָרטשפּיל.

זײַן בונטאַרישע נאַטור האָט זיך אָבער נישט געקענט צופּאַסן צו אָט דער בעל־הבתישער צײַטונג, און ער איז אַריבער אין דער נײַ־געשאַפענער טאָגצײַטונג פון די לינקע — פרײַהייט (שפּעטער: מאָרגן־פרײַהייט).

אין זײַן ווידוי "מודה אני" שרײַבט ער וועגן די ערשטע טעג אין אָט דער צײַטונג, ווו ער איז פאַרבליבן אַרבעטן ביזן גרויסן איבעררבראָך אין זײַן לעבן, אַן ערך דרײַסיק יאָר:

> איך האָב געזאָלט שרײַבן צוויי זאַכן אַ וואָך און באַקומען אַ באַשטימטן האָנאָראַר, נאָר אַזוי ווי באַלד נאָך די ערשטע פאָר וואָכן האָט מען שוין מער ניט געצאָלט קיין שכירות, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל שרײַבן פיר־פינף אַרטיקלען אַ וואָך און מער (אונטער פאַרשיידענע נעמען). עס איז שוין אַלץ איינס.

אין דער פרײַהייט האָט אויך געזאָלט צוזאַמען מיט אים אַרבעטן משה־לייב האַלפּערן; מ'האָט אים צוגערעדט ער זאָל אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער צײַטונג, ער האָט זיך אָבער נישט געאײַלט און אַזוי איז נאַדיר דאָרטן געבליבן אַליין: "איך בין הייסט דאָס זשע, אַרײַן אין דער פרײַהייט — שרײַבט ער — געוואָרן פריִער אַ מיט־שטייער, דערנאָך אַ מיט־גייער, דערנאָך אַ מיט־לויפער". ער גיט אָבער באַלד צו, אַז ער איז געלאָפן פון דעסטוועגן מיט אַ שווער געמיט: "ספקות האָבן געפרעסן אין האַרץ און עס רוען ניט געלאָזט..."

צוזאַמען מיט זײַן אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער צײַטונג הייבט זיך אויך אָן אַ קאַפּיטל צרות פון דער פרײַהייט. קיין פרײַהייט איז דאָרטן נישט געווען, און אָן פרײַהייט האָט אַזאַ שאַרפער קאָפּ ווי נאַדיר זיך נישט געקענט באַגיין.

כּדי אים צו האַלטן אין צוים שוין אין די האָניק־חדשים פון זײַן

מיטאַרבעט, באַשליסט דער רעדאַקטאָר אים צו שיקן אויף אַ נסיעה ״אין הייליקן לאַנד פון די סאָוועטן״. פון דאָרטן וועט ער אַוודאי צוריקקומען געהאָרכיקער. נאַדיר דערציילט:

> די פּרײַהייט האָט מיר געמאַכט אַ גרויסן אָוונט, אויף וועלכן איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט, אַז איך פֿאָר קיין רוסלאַנד געוווּיר ווערן פון דער ערשטער האַנט, צי איז ניט דער לעניניזם אַ רעליגיע פון בלויז ברויט מיט פּוטער? פֿאַר אַנדערע הונגעריקע מענטשן, האָב איך געזאָגט, מעג עס זײַן זייער גוט, נאָר איך, האָב איך געזאָגט, הונגער מיט דער זעל מער ווי מיטן גוף...
> האָט מען מיך דערפֿאַר גוט אויסגעשייגעצט אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע, מיך גערופֿן ״געפּיעשטשעטער בן־יחיד״, ״צעבאַלעוועטער אַריסטאָקראַט״ און ענלעכע נעמען.

אויפֿן וועג קיין רוסלאַנד, פרילינג 1926, האָט נאַדיר זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, וואַרשע און ווילנע. נײַן חדשים איז ער אַרומגעפֿאָרן איבער רוסלאַנד און אויפגעטראָטן. נישט געקוקט אויף די ספקות וואָס האָבן זיך שוין דעמאָלט בײַ אים דערוועקט, איז ער צוריקגעקומען אַן איבערצײַגטער קאָמוניסט, ווי ער איז זיך מודה ומתוודה. ער האָט גענומען דינען דעם קאָמוניזם מיט לײַב־און־לעבן, און מיט זײַן שרײַבן באַקעמפֿט די בירגערלעכע פּרעסע אין אַמעריקע, געשיט פֿעך און שוועבל אויף אָנגעזעענע שרײַבערס. ווען נאַדיר האָט זיך לסוף אַנטוישט אין קאָמוניזם, האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט מיטן עכט־נאַדירישן זאָג: ״פֿאַר יעדן טראָפּן בלוט, וואָס איך האָב פֿאַרגאָסן מיט מײַן פּען, האָב איך באַצאָלט מיט צוויי טראָפּנס פון מײַן אייגענעם האַרצבלוט״.

נאַדירס ספקות אין קאָמוניזם האָבן, ווײַזט אויס, אָנגעהויבן אַ סך פריִער, איידער דעם אָפענעם בראָך. פֿאַראַן אַ יש־אומרים, אַז דאָס איז געווען באַלד נאָך די בלוטיקע געשעענישן פון 1929 אין ארץ־ישראל, ווען אַ סך סימפּאַטיקערס פון קאָמוניזם אויף דער ייִדישער גאַס האָבן פֿאַרלאָזט די מחנה, מחמת די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן זיך סאָלידאַריזירט אָן בושה מיט די אַראַבישע פּאָגראָמטשיקעס אין חברון. נאַדיר האָט דעמאָלט אַ קורצע צײַט נישט געקענט און נישט געוואָלט שרײַבן פֿאַר דער צײַטונג, אָבער דער דרוק פון דער פּאַרטיי, בפרט פון זײַנע חברים רעדאַקטאָרן שכנא עפּשטיין און מ. אָלגין, איז געווען אַ מוראדיקער. זיי האָבן ביזן סוף בײַ אים געפּועלט צו גיין אין שפּאַן, אַלץ לטובת דער רעוואָלוציע...

## דער איבעררײַס מיט די קאָמוניסטן

עטלעכע יאָר נאָך דעם ערשטן ברוגז איז אָבער דער ריס געוואָרן שאַרפֿער אין רעזולטאַט פון די מאָסקווער פּראָצעסן. ווידער האָט נאַדיר אויף זיך גוזר געווען צו שווײַגן, און ווידער נישט אויף לאַנג.

אין נאַדיר־אַרכיוו, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך גענייאַ מאַנגער, נאַדירס געוועזענע פֿרוי, אין אַרכיוו פון כּתבֿ־ידן פון דער נאַציאָנאַלער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים, זענען פֿאַראַן אַ סך בריוו צו נאַדירן פון זײַן רעדאַקטאָר און נאָענטן פרײַנד מ. אָלגין, וואָס באַמיט זיך אים מפּייס צו זײַן, ער זאָל בלײַבן גוט און פֿרום.

אין אַ בריוו פון 10טן סעפּטעמבער 1939, אַ יאָר פֿאַרן ענדגילטיקן ריס, שרײַבט אָלגין:

> איך בין דאָך ניט מער ווי אַ רעדאַקטאָר פון אַ קאָמוניסטישער צײַטונג און אויב אַנדערע, פּרעמדע, האַלטן אין איין וואַרפֿן שטיינער אויף אַזאַ רעדאַקטאָר, באַקומט זיך אַ מאָל בײַ די אייגענע, אַפֿילו נאָענטע, דאָס געפֿיל אַז ״אויף אים מעג מען״ כי לכך נוצרת... מילא, אָבער דער ענין נאַדיר איז אַן ערנסטער און די קעגנזײַטיקע באַציִונגען נאַדיר־מאָרגן־פּרײַהייט זענען שוין פון גאָר גרויסער וויכטיקייט.

אין אַ צווייטן בריוו, פון 20טן נאָוועמבער 1938, זעט מען אַז די באַציִונגען זענען געוואָרן ערגער און דער רעדאַקטאָר אָלגין לייגט פֿאָר נאַדירן ער זאָל נעמען אַ וואַקאַציע אויפֿן חשבון פון דער רעדאַקציע, ער זאָל דרײַ חדשים נישט דאַרפֿן שרײַבן און דאָך באַקומען זײַן געהאַלט: דרײַסיק דאָלאַר אַ וואָך. אָלגין שרײַבט:

> קענסט אָנהייבן דײַן וואַקאַציע ווען דו ווילסט. לאָז מיר נאָר וויסן. דעם מאַטעריאַל וואָס ליגט בײַ מיר אויפֿן טיש, וועלן מיר אָפּדרוקן, פֿאַרשטייט זיך, אַחוץ יענעם אַרטיקל־בריוו, וואָס ווערט דיר צוריקגעשיקט. עס איז מײַן גרויסע האָפֿענונג, אַז ווען דו וועסט זיך אויסרוען, וועט דיר ווערן אויך לײַכטער אויף דער נשמה, און דאָס וועט געבן דײַן שרײַבן אויך מער האָפֿענונגס־פֿרייד און ליכט, ווי דאָס פּאַסט פֿאַר דיר. אויב דיר וועט זיך וועלן עפּעס שרײַבן — צוליב ריינער אינספּיראַציע — פֿאַרשפּאָר איך דיר זאָגן, אַז מיר וועלן דאָס באַגריסן. אָבער דעם עול וואַרף אַראָפּ אויף דרײַ חדשים — דאָס איז דער עיקר.

וואָס אין יענעם אַרטיקל־בריוו וואָס אָלגין האָט נישט געוואָלט אָפּדרוקן איז געשטאַנען, ווייסן מיר נישט. דער נאַדיר־אַרכיוו איז נאָך נישט אײַנגעאָרדנט לויט אַ סדר און אַ סך בריוו האָבן קיין דאַטע נישט. אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער בריוו, אין וועלכן אָלגין באַמיט זיך משפּיע צו זײַן אויף זײַן חשובן מיטאַרבעטער, וואָט וויל נישט גיין אין שפּאַן. מחמת דעם וואָס נאַדיר האָט שוין דעמאָלט נישט געוווינט אין ניו־יאָרק און איז שוין געווען קראַנק, האָט מען אויף אים געקענט ווירקן בלויז דורך דער פּאָסט. פון דעסטוועגן זענען אויך מענטשן פון רעדאַקציע געקומען צו אים אין דער פּראָווינץ און האָבן געפּרוּווט משפּיע זײַן, נאָך דעם ווי די בריוו האָבן נישט געהאָלפֿן.

מיר ווייסן אויך נישט צי נאַדיר האָט אויסגעניצט די וואַקאַציעס, אָבער דער ריס האָט זיך כּסדר אויסגעברייטערט, ביז דער ענדגילטיקער החלטה זײַנער אַ קלאַפּ צו טאָן די טיר פון דער פּרײַהייט און זיך מער אַהין נישט אומקערן. דאָס האָט גורם געווען דער ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן פֿאַרן מלחמה־אויסבראָך, אין סעפּטעמבער 1939.

אין דער ייִדישער און נישט־ייִדישער פּרעסע פון ניו־יאָרק איז געווען געדרוקט נאַדירס דערקלערונג וועגן אַרויסגיין פון דער פּרײַהייט. איינצײַטיק האָט זיך אויף דער ייִדישער גאַס אויך אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן די ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך, ווי תּמיד, בלינד

סאָלידאַריזירט מיט מאָסקווע.

דער אָפֿענער בריוו פֿון משה נאַדיר איז אויך אַרויס אין דער מאָרגן־פֿרײַהייט, צוזאַמען מיט אַ דערקלערונג פֿון דער רעדאַקציע. דער בריוו איז דאַטירט באַלד צו מאָרגנס נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך, דעם 24סטן אויגוסט 1939.

עס האָט מיר גענומען עטלעכע יאָר — שרײַבט נאַדיר — פֿון טאָפּן די טריט, איידער כ׳בין אָנגעקומען אַלס סימפּאַטיקער צום קאָמוניזם (אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי איר ווייסט, האָב איך מיך קיין מאָל נישט אָנגעשלאָסן, און שוין זײַענדיק אַ לענגערע צײַט אויפֿן סטעף פֿון דער פֿרײַהייט, האָב איך בײַ דער געלעגנהייט פֿון אַ גרויסער פֿײַערונג לכבוד 20 יאָר משה נאַדיר, עפֿנטלעך אויסגעדריקט דעם ספֿק, צי איז ניט אַ מאָל דער קאָמוניזם אַ רעליגיע פֿון בלויז ברויט מיט פּוטער), און עס דויערט שוין אַ היפּשע צײַט דאָס אַוועקגיין. דער באַווײַז פֿאַר דעם איז: וואָס זײַט דער ערשטער פּאָליטישער עקזעקוציע אין מאָסקווע, האָב איך מער מיט קיין איין וואָרט ניט פֿאַרטיידיקט אײַערע "שטאַנדפּונקטן", וואַרטנדיק כסדר עס זאָל מיר קלאָר ווערן ווּהין דער קאָמוניזם פֿירט.
איצט איז מיר ענדלעך קלאָר געוואָרן — אַזוי קלאָר, אַז ס׳איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן און כ׳האָב אויפֿגעציטערט.
איצט קאָן שוין אַ בלינדער אויך זען (אויב ער איז נאָר ניט פֿאַרבלענדט פֿון דעם שטראַל וואָס איז דערגאַנגען צו אים פֿון דער פּלאַנעטע קאָמוניזם, בעת די פּלאַנעטע אַליין איז צעשאָסן!), אַז קאָמוניזם און נאַציזם זענען צוויי קלינגען פֿון דער זעלבער שער, וועלכע צילט זיך איבערצושנײַדן דעם האַלדז פֿון דעם דעמאָקראַטישן שוצבלאָק.
אין משך פֿון די ביטערע דרײַ יאָר האָב איך דערווײַל, בײַ יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט מײַנע ספֿקות און פֿאַרדאַכטן וועגן די פֿאַרפֿומירטע תּירוצים אײַערע, מיט וועלכע איר האָט געדעקט יעדן שלעכטן גערוך פֿון דאָרטן. אין מאָנטרעאָל, לעצטן ווינטער, האָב איך אויף אַן אָפֿענער פֿאַרזאַמלונג אויסגעדריקט מײַן מיינונג, אַז אויב בערלין איז בערלין, און מאָסקווע — מאָסקווע, און רוים — רוים, איז ירושלים — ירושלים.
געמיינט האָב איך דערמיט צו זאָגן, אַז אויב אַ צוריקקער צום נאַציאָנאַליזם, בין איך צום אַלעם ערשטן אַן אַמעריקאַנער ייִד און נישט קיין רוס. פֿאַר אַזוינע און ענלעכע אַפּיקורסישע געדאַנקען מײַנע האָט איר מיר, אויף אַלע פֿראָנטן, אָפּגעצאָלט מיט איזאָלאַציע מצד די פֿאַרלאַגן אײַערע, לעקטאָרן־ביוראָס און... אַ חלק עולם־הבא אין אײַער איקוף.
איצט בין איך שוין גאַנץ זיכער — צו מײַן גרויסן שוידער! — אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט.
איצט ווייס איך שוין אַקוראַט, ווו עס האַלט מיט אײַער אַזוי גערופֿענעם קאָמוניזם. דער אָקיי־סיגנאַל פֿון מאָסקווע קיין בערלין, אין אַ רגע פֿון דער מענטשהייטס גרעסטער נויט איז עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלײַכן אין דער געשיכטע פֿון אַלע פֿאַרראַטן אין דער וועלט.
אַ פֿאַרביטערטער, אין גאַנצן ווי איין גרויסע ווונד, רעזיגניר איך דערום פֿון מײַן לאַנג־יעריקער שטעלע אין דער מאָרגן־פֿרײַהייט.

פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועלן מײַנע אינטערעסן ליגן דורכויס אין דער ריכטונג פֿון אמת אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע און פֿון ייִדישן פֿאָלק.
מיט גרויס ווייטיק דערויף, וואָס איך האָב מיט מײַנע קליינע מיטלען געהאָלפֿן וואַרעמען אויף אונדזער ברוסט אַ שלאַנג, וואָס האָט אין אָנהייב אויסגעזען ווי אַ טויב, און מיט וואַרעמען גרוס צו אַ טייל מיטפֿילנדע קאָלעגן פֿון דער רעדאַקציע — פֿאַרבלײַב איך — משה נאַדיר

צו דעם דאָזיקן בריוו האָט די רעדאַקציע מוסיף געווען אַ דערקלערונג, אין וועלכער זי איז מודה, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט זי טאַקע נישט געהאַט קיין סך נחת פֿון נאַדירן, און באַלד הייבט זי אויך אָן צו באַשמוצן אים און דיסקרעדיטירן בײַ די לייענערס. זי מאַכט דערבײַ אַ פֿרומע מינע און זאָגט:

דער עיקר וואָס מיר האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו שאַנעווען נאַדירן און צו העלפֿן אים. מיר האָבן פֿאַרקוקט אויף אַ סך זאַכן, מיר האָבן פֿאַרשוויגן זײַנע אומאויפֿהערלעכע רכילות. מיר האָבן אויך פֿאַרקוקט דעם פֿאַקט, וואָס פֿאַר די לייענער גופֿא האָט ער, צוליב זײַנע שטימונגען און עקסצענטרישקייטן, דעם פֿריִערדיקן ווערט ניט געהאַט. מיר האָבן נאַדירן כסדר געזוכט צו העלפֿן. מיר האָבן אים געהאָלפֿן אַרויסגעבן זײַנע ביכער, כאָטש ער האָט כסדר געשריִען, אַז מען גיט ניט אַרויס גענוג און ער האָט צו אונדז געהאַט טענות פֿאַר וואָס זיי פֿאַרקויפֿן זיך ניט גענוג.

אָט מיט אַזאַ פֿערפֿידיע האָט די מאָרגן־פֿרײַהייט געפּרוּווט דיסקרעדיטירן איר נעכטיקן גאָט אין די אויגן פֿון זײַנע טויזנטער לייענערס, ביזן באַוואָרפֿן אים מיט די ערגסטע זידלווערטער:

דער איצטיקער אַקט נאַדירס — אָנשליסן זיך אין די מאָרד־העצערס קעגן דער מאָרגן־פֿרײַהייט און קעגן דעם עולם, וואָס האָט אים געטראָגן אויף די הענט — איז אַ רעזולטאַט פֿון דער דעגענעראַציע פֿון דער פּערזענלעכקייט נאַדירס (וועלכער איז קיין מאָל ניט געווען קיין קאָמוניסט) און פֿון זײַן טאַלאַנט...

"דאָס קאַפּיטל איז געשלאָסן" — מיט אַזעלכע ווערטער ענדיקט זיך די רעדאַקציע־דערקלערונג, אָבער די אמתע וואַקכאַנאַליע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. טאָג פֿאַר טאָג האָט די צײַטונג געפֿירט די אַנטינאַדיר־קאַמפּאַניע, מאָביליזירנדיק צו דעם אַלע געטרײַע שרײַבערס און לייענערס. יעדן טאָג זענען געדרוקט געוואָרן בריוו פֿון לייענערס, מיט זידלווערטער אויפֿן אַדרעס פֿון נאַדירן, מיט שרײַענדיקע קעפּלעך: "מיר וועלן זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן", "דער חבר אָלגין איז גערעכט", "נאַדיר האָט פֿאַרראַטן און וועט זײַן פּסק באַקומען". נאַדיר און אַלע וואָס זענען מיט אים אַוועק און זיך סאָלידאַריזירט מיט אים, זענען באַצייכנט געוואָרן ווי מענטשן "וואָס פֿאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ שלעכטן ריח". מ׳האָט נאַדירן, אָנגערופֿן "אַ פּרימאַדאָנע וואָס וועט גיך פֿאַרוויאַנעט ווערן" וכדומה.
משה כ״ק, איינער פֿון די הויפּטפּובליציסטן אין דער צײַטונג,

## מיטאַרבעטער אין טאָג

אַ מיאוסע וואַקכאַנאַליע איז אָנגעגאַנגען מצד די קאָמוניסטן און זייערע פרײַנד קעגן נאַדירן ווי אַ מענטש און ווי אַ שרײַבער — נאַדיר האָט אָבער אין יענע טעג אַפילו נישט געהאַט קיין צײַטונג, ער זאָל קאָנען אָפּענטפערן אויף זײַן שטייגער, וואָרעם עס האָט געדויערט אַ היפּשע צײַט ביז דער טאָג האָט ענדלעך (אין 1941) באַוויליקט אָנצונעמען נאַדירן ווי אַ צײַטווײַליקן מיטאַרבעטער, און אויב ער וועט זיך אַרויסווײַזן ווי ניצלעך, וועט מען אים ערשט נאָך צען חדשים אָננעמען ווי אַ מיטגליד אין סטעף. דערצו איז נייטיק געווען אויך די אינטערווענץ פון ״זײַן מאַיעסטעט דעם לייענער״. טויזנטער לייענערס פון טאָג האָבן געחתמעט אַ ספּעציעלע פּעטיציע צו דער צײַטונג, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן: ״אין נאָמען פון דער עקסיסטענץ פון אַ זייער באַגאַבטן ייִדישן שריפטשטעלער, וועלכער האָט מקריב געווען זײַן ברויט אויפן מזבח פון זײַן איבערצײַגונג, און אויך צוליב דעם פאַרלוסט וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט פון משה נאַדירס שטילשווײַגן, פאָדערן מיר, די אונטערגעשריבענע ייִדיש-לייענער פון טאָג, אַרײַנצושטעלן משה נאַדירן אין דער ליסטע פון זײַנע טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער. מיר זײַנען זיכער, אַז אַחוץ וואָס די ייִדישע ליטעראַטור, וועט אויך דער טאָג דערפון געווינען סײַ ליטעראַריש סײַ מאָראַליש סײַ פינאַנציעל, און אַ גרויסער יושר וועט געטאָן ווערן צו אַן אַרבעטלאָזן ייִדישן וועטעראַן פון דער פּען״.

נאַדירס וועג ווי אַ נײַער מיטאַרבעטער אין טאָג איז נישט געווען אויסגעלייגט מיט רויזן. ער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן דעם שונד אין דער ייִדישער פּרעסע פון אַמעריקע, קעגן שונד אין טעאַטער און ליטעראַטור, קעגן וווּלגאַריזירן די ייִדישע שפּראַך און פאַרדאַרבן דעם געשמאַק פונעם לייענער, ער האָט איצט געמוזט ווידער אָנקומען צו אָט דער פּרעסע, צו דער זעלביקער איסט־בראָדוויי, וואָס ער האָט געשמיסן מיט פײַערדיקע ריטער, באַקעמפט מיט זײַן שאַרפער פּען און אַפילו באַשפּיגן.

נישט אַלע קאָלעגן־שרײַבערס האָבן אויפגענומען דעם ״נײַעם״ מיטאַרבעטער קאָלעגיאַל. אַ סך האָבן נישט פאַרגעסן זײַן חטאת־נעורים, און אַ סך האָבן פּשוט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ אויף די שפּאַלטן פון דער צײַטונג.

אויך די אָנפירנדיקע ליטעראַטור־קריטיקערס האָבן געהאַט זייער חשבון מיט נאַדירן. נאַדיר האָט זיך געוואָנדן צום כהן־גדול פון דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, שמואל ניגער, אַוועקצושטעלן צווישן זיי אַ ווײַסע פאָן. ניגער האָט אים געענטפערט אויף אַ פּאָלעמישן אופן, אַז אויב ער האָט פאַרשוויגן און פאַרשווײַגט נאַדירס ווערק, איז דאָך אַ פאַקט אַז נאַדיר אַליין איז איצט גרייט אויסצומעקן אַ סך פון זײַנע אָנגעשריבענע ווערק... און צום סוף שרײַבט ער גאַנץ קאַלט: ״מײַן אָפּרופן זיך אויף משה נאַדירס ווײַסע פאָן און אויסגעשטרעקטע האַנט וואָלט געקענט זײַן אייגפאַכער און קירצער: ער האָט געזאָגט שלום־עליכם — איז דער נאַטירלעכסטער ענטפער: עליכם־שלום״.

אָבער נישט בלויז מיט די מיטאַרבעטער — אויך מיטן פּריוואַטן אַרויסגעבער פון טאָג און מיט די רעדאַקטאָרן האָט ער געהאַט אַ ״שווער לייענען״. פאַר נאַדירן איז בלויז געבליבן צו פּראָטעסטירן בײַ די וואָס זענען באמת געווען זײַנע נאָענטע פרײַנד. אין איינעם פון זײַנע בריוו צו ד״ר שמואל מאַרגאָשעס, פון די וויכטיקסטע געשטאַלטן אין טאָג, דעמאָלט פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, שרײַבט ער:

> מײַן טײַערער ד״ר מאַרגאָשעס, די לעצטע קאָלומס מײַנע זענען אַזוי געווען צוגעשניטן, אַז זיי האָבן געבלוטיקט. גאַנצע זאַצן זענען זינלאָז געוואָרן דערפון, וואָס מ'האָט אַרויסגעריסן שטיקער לעבעדיק פלייש פון ערגעץ און די וווּנד איז ניט פאַרבונדן. כ'בעט אײַך דאַרום צו זען אַז דאָס זאָל מער ניט פּאַסירן. אויב שנײַדן — איז מיט רחמנות און יושר. פאַרצײַט וואָס איך באַלעסטיק אײַך מיט אַזוינע קלייניקייטן. עס גייט ניט אין אומשטערבלעכקייט, חלילה, עס גייט אין איבערפירן מענטשלעכע אַרבעט. וועלכער געוויסנ־האַפטער בעל־מלאכה וואָלט דערפון ניט געהאַט קיין עגמת־נפש?

מאַרגאָשעס ענטפערט דעם אַזוי באַרימטן שרײַבער מיט אַ גאַנץ פײַנער פאָרציע מוסר:

> די קאָלומס זענען נאָך אַלץ צו לאַנג און צו פאַרדרייט געשריבן. איך האָב פון זיי צרות אָן אַ ברעג. אפשר וואָלט פאָרט געווען אַ פּלאַן, איר זאָלט זיך האַלטן אין די גרענעצן. אַ קאָלום וואָס איז לענגער ווי אַ קאָלום איז דאָך קיין קאָלום ניט, און אַ קאָלומניסט איז דער, וואָס ווייסט קודם־כל צו האַלטן זיך אין די גרענעצן פון אַ קאָלום.

דער זעלבער ד״ר מאַרגאָשעס איז אים מודיע אין אַ פּריוואַט־בריוול די בשורה־טובה: ״הײַנט נאָכמיטאָג, בײַ דער ערב־שטרײַק־פאַרוואַלטונג, זענט איר אויף מײַן פאָרשלאָג אַרײַנגענומען געוואָרן אין טאָג־סטעף ווי אַ פולבאַרעכטיקטער מיטגליד. נו, זאָל זײַן מיט גליק — און וואָס ס'וועט זײַן מיט כלל־ישראל וועט זײַן מיט ר' ישראל״.

אָבער אויך נאָך דעם ווי ער איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער פון טאָג, האָבן די צרות נישט אויפגעהערט. מחמת דעם עקאָנאָמישן מצב, ווען מ'האָט געשניטן דעם לוין, האָט דאָס קודם־כל געטראָפן נאַדירן. ער איז געווען געצוווּנגען צו בעטן פּראָפעסיאָנעלע הילף בײַם פּען־קלוב.

נאָך ערגער איז געוואָרן זײַן מערכה פון רעדאַקציאָנעלן שטאַנדפּונקט, ווען ס. דינגאַל איז באַשטימט געוואָרן ווי פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר. פאַראַן אין אַרכיוו אַ גאַנצע ריי בריוו צו ס. דינגאַל, וועגן פּראָפעסיאָנעלע און אויך רעדאַקציאָנעלע ענינים. אין זײַן בריוו פון 24סטן יולי 1942 שרײַבט משה נאַדיר צו זײַן רעדאַקטאָר:

> מכּוח דער לענג פון מײַן אַרטיקל: נו, כ'האָב געמיינט, אַז אויב איר דרוקט מיר שוין יאָ אַזוי ווינציק, וועט איר וועלן ״פּיטשור־אַרטיקלען״, וועלכע זענען, ווי באַקאַנט, אַ ביסל לענגלעך — אויך אין טאָג. וואָס שייך לײַכטערע אַרטיקלען — איז — ווו נעמט מען איצט דאָס לײַכטערע האַרץ? און פאַר וואָס עפּעס פאַלט אויף מיר דער גורל צו זײַן דער ״לץ פון רעדאַקציע״? איין הומאָריסטישע זאַך אַ וואָך שיק איך דאָך. דאָס איבעריקע איז לפנים־משורת־הדין. אַגב,




שער־בלאַט פון בוך "מודה אני", אַרויס נאָך נאַדירס טויט

ווייל איך נאָך אַ מאָל בעטן, אַז די אַרטיקלען וואָס איר בראַקירט, זאָלט איר אַזוי גוט זײַן און זיי מיר צוריקשיקן. דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט, אָבער מיר וועט דאָס פאַרשאַפן אַ סך עגמת־נפש.

יאָ, שווער און ביטער איז אָנגעקומען נאַדירן דאָס איבערגערן זיך אין דער משפחה פון טאָג, וואָס איז געווען פרעמד פאַר זײַן מענטאַליטעט און בונטאַרישקייט. ער האָט אָבער געוווּסט אָפּצושאַצן די אידעישע פרײַהייט וואָס ער האָט געהאַט, נאָך צוואַנציק יאָר אַרבעט אין דער מאָרגן־פרײַהייט, ווו מען האָט געדאַרפט און געמוזט זיך צופּאַסן צו דער ליניע.

גאָר גיך האָט אָבער דאָס אײַן פאָרט אָנגעהויבן זיך צו ריין. דער רעדאַקטאָר און דער אַרויסגעבער פון טאָג האָבן דערפילט נאַדירס השפעה אויפן לייענער.

איידער וואָס און איידער ווען האָט זיך אָבער אַרײַנגעמישט דער מלאך־המות. דעם 8טן יוני 1943 איז משה נאַדיר געשטאָרבן פון אַ שווערן האַרצאַטאַק אין זײַן וווינונג אין וווּדסטאָק. אין טאָג פון זײַן לוויה, פרײַטיק, ערב שבועות, דעם 10טן יוני, איז נאָך אין דער צײַטונג געדרוקט געוואָרן זײַן אַרטיקל, וואָס ער האָט צוגעשיקט אין טאָג פון זײַן טויט — אַן אַרטיקל וועגן נאַראַיעוו לכבוד שבועות, ווו ער האָט דערציילט וועגן די כלי־זמרס אין זײַן שטעטל. בײַם אָנהייב פון דעם אַרטיקל האָט נאַדיר זיך צעגאָסן אין נאָסטאַלגיע אויף זײַן לירישן אופן:

> וווּהין דו קוקסט ביזט דו, און יוגנט, און דער אַמאָל־אַמאָל. און ווער האָט געזאָלט וויסן, ווער האָט געזאָלט קלערן, אַז אַ גרויסער חורבן וועט קומען אויף דעם פרידלעכן שטיקל ערד אין גאַליציע, וואָס הייסט — וואָס איז דער חילוק ווי אַזוי?
> און גוט איז אַז ס'איז כאָטש דאָ אין וואָס זיך צו דערמאָנען און זאָגן: ווי אומגליקלעך שיין דײַן וועלט איז!
> און ווי פאַרגענגלעך...
> בלויז דאָס אָפּלויפנדיקע, בלויז דאָס פאַרשווינדנדיקע, בלויז דאָס וואָס אין אייביקן געפלאַטער פון אומרו און פון דראַנג, פון דאָרשט נאָך ווײַטערקייט, אין פלוס פון זוכעניש, בלויז דאָס אַליין גלאַנצט ווי דער ליכטיקער שטערן אין הימל — די זון! —

אין לעצטן ליד וואָס נאַדיר האָט געשריבן פאַר זײַן פּלוצעמדיקן טויט, כאָטש ער האָט שוין אַ לענגערע צײַט געליטן פון האַרץ, לייענען מיר אַזעלכע שורות:

איך וואַרט און וואַרט אַליין, אַליין...
צי וועט מיר גאָט אַנטקעגנגיין?

אַ צוויי־דרײַ טריט כאָטש ביז צום שוועל —
איך טראָג אים שנייבלימלעך אין זעל.
שמע ישראל — דער סוף פון ליד
אַזוי מוז שטאַרבן יעדער ייִד.

אַזוי האָט דער ברויזנדיקער פּאָעט און פּובליציסט זיך געזעגנט מיט דער וועלט. זײַנע ווערק זענען געבליבן ווי מוסטערן פון קינסטלערישן ייִדישן וואָרט. זיי האָבן באַרײַכערט אונדזער ספרים־שאַנק, באַשיינט און דערהויבן די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע.